און טאָג און חודש און יאָר, כּדי זײ זאָלן אומ־
16 בּרענגען אַ דריטל פֿון די מענטשן. און די צאָל פֿון
די חיילות רײַטער איז געװען צװײמאָל צענטױזנט־
מאָל צען טױזנט; איך האָב געהערט זײער צאָל.
17 און אַזױ אָ האָב איך געזען אין דעם חזיון די
פֿערד, און די, װאָס זענען געזעסן אױף זײ,
האָבן געהאַט פּאַנצערס פֿײַער־רױטע און תּכלת־
בלאָע און שװעבל־געלבע; און די קעפּ פֿון די
פֿערד זענען געװען װי קעפּ פֿון לײבן, און אױס
זײערע מײַלער גײט אַרױס פֿײַער און רױך און
18 שװעבל. דורך די דרײַ מגפֿות איז אומגעקומען אַ
דריטל פֿון די מענטשן, פֿון דעם פֿײַער און דעם
רױך און דעם שװעבל, װאָס גײען אַרױס פֿון זײערע
19 מײַלער. װאָרום די מאַכט פֿון די פֿערד ליגט אין
זײער מױל און אין זײערע װײדלען; װײַל זײערע
װײדלען זענען גלײַך צו שלאַנגען, און האָבן קעפּ;
20 און מיט די דאָזיקע טוען זײ שאָדן. און די איבעריקע
מענטשן, װעלכע זענען נישט אומגעקומען אין די
דאָזיקע מגפֿות, האָבן נישט תּשובֿה געטון פֿון די
מעשׂים פֿון זײערע הענט, אַז זײ זאָלן זיך נישט
בוקן צו טײַװלאָנים, און אָפּגעטער פֿון גאָלד
און זילבער און קופּער און שטײן און האָלץ, װאָס
קענען נישט זען, נישט הערן, נישט אַרומגײן;
21 און האָבן נישט תּשובֿה געטון פֿון זײערע רציחות,
נישט פֿון זײערע כּשופֿים, נישט פֿון זײער זנות,
נישט פֿון זײערע גנבֿות.